# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת — גליון קצ"ז – יום כיפור תשע"ב לפ"ק — כיתה ח' ט'


תתתתרעב) עס דערציילט אונזער עלטער פעטער

## הרה"ח ר' שמואל יעקב טעללער הי"ו

אונזער עלטער זיידע הרה"ח ר' משה דוד טעללער ע"ה (היארצייט ממחרת יום הכיפורים הבעל"ט) איז געווען פון די הנהלת "מרכז המוסדות" פון מוסדותינו הק' אין בני ברק, און במשך לאנגע יארן האט ער זיך מוסר נפש געווען צו שאפן דאס געהאלט און באצאלן יעדן ראש חודש פאר די מלמדים און כלי קודש פון די מוסדות יט"ל אין בני ברק.

מידי יום ביומו פלעגט ער שאפן געלט פון אנ"ש און פון אנדערע נדבנים, אפילו ביומו האחרון עטליכע שעה פאר זיין פטירה האט ער נאך געשריבן רעסיטס פאר די מוסדות.

זייענדיג אן איש החסד וואס האט געזוכט צו טון גמילות חסדים בשלימות, פלעגט ער אויפטוישן אלע טשעקס, און ער האט מקפיד געווען צו באצאלן די איינגעשטעלטע מיט געהעריגע געלט, אז זיי זאלן דאס קענען תיכף נוצן, און זיך נישט דארפן מוטשענען מיטן איינטוישן דאס געלט. יעדן ערב ראש חודש ביינאכט פלעגט ער זיצן אויף זיין פארטש און מסדר זיין אלע ענוועלאפס פאר יעדן מלמד באזונדער.

אין איינע פון די טעג האט דאס באמערקט א אומגעוואונטשענער אויג ווי אזוי ער איז מסדר די ענוועלאפס, און אינמיטן די נאכט איז יענער אריינגעדרונגען אין שטוב און געשפריצט א ספרע"י אז די איינוואוינער זאלן שלאפן טיף און זיך נישט אויפוועקן, און נאך א קורצע אונטערזוכונג האט דער גנב געטראפן דאס געלט און געמאכט פליטה.

יעדן פארטאגס פלעגט דער זיידע פארלערנען א שיעור אין סאטמארער ביהמ"ד אויף רחוב רמב"ם, און ער פלעגט שוין דארט זיין גענוי 4 אזייגער. יענעם פארטאגס איז ער נישט אנגעקומען צום שיעור, און די משתתפי השיעור האבן זיך זייער דערשראקן, ווייל דאס פלעגט קיינמאל נישט פאסירן, זענען זיי געגאנגען צו זיין הויז זעהן צי עס האט נישט עפעס פאסירט ח"ו.

זיי האבן געקלאפט אויפן טיר, און די באבע תחי' האט זיך אויפגעוועקט, און זי האט זיך אויך זייער דערשראקן זעהנדיג אז עס איז שוין 4:30 און דער זיידע שלאפט נאך, א זאך וואס האט קיינמאל נישט פאסירט. מ'האט אים אויפגעוועקט, און ער איז געלאפן אין ביהמ"ד, און הערשט דעמאלטס האט ער באמערקט אז דאס גאנצע געלט וואס ער האט געשאפן ביגיעת כפיים א גאנצן חודש, און מ'דארף דאס היינט אויסטיילן פאר די מלמדים אין תלמוד תורה איז נעלם געווארן. מיט זיין כח האמונה האט ער זיך שנעל מחזק געווען, ער איז געלאפן און מקוה, און פארגעלערנט דעם שיעור כאילו לא היה.

טראצדעם וואס דער זיידע ז"ל איז געווען א גבאי צדקה, א שומר חינם, ער האט געארבעט שלא עמלקב"פ, און די גניבה איז געווען א ריכטיגער אונס ווען ער האט דאס געהאלטן אין שטוב, און עס איז געווען נעל בפניה כראוי, האט ער אויף קיין רגע נישט געטראכט אז ער איז פטור פון צו באצאלן, ער האט נאר געהאט איין דאגה ' עס איז היינט ראש חודש ! וואס וועט זיין מיט די מלמדים ?'.

דאן האט אים אויפגעבליצט א געדאנק אין קאפ, ער האט געארבעט אין די 'חברה קדישא הכללית' וואס יעדער מיטארבייטער פלעגט דארפן אראפגעבן א טייל פונעם חודש'ליכן געהאלט וואס איז געגאנגען פאר א ספעציעלן פאנד וואס איז אוועק געלייגט געווארן פאר א 'פענסיע פלען', אז אויף די עלטערע יארן ווען מ'הערט אויף צו ארבעטן זאל מען קענען לעבן פון דאס געלט.

האט זיך דער זיידע געוואנדן צו די אנפירער פון די חברה קדישא, און ער האט ארויסגענומען א הלואה אויפן גאנצן סומע וואס ער האט געדארפט האבן, און ער האט איינגעלייגט ערבות זיין 'פענסיע פלאן' וואס איז געלעגן אין יענע קאסע. די אנפירער פון די ח"ק וואס האבן געוואוסט זיין ערליכקייט און ארענטליכקייט, האבן געמאכט א מיטונג מיט די הנהלה, און זיי האבן מסכים געווען אים צו געבן די הלואה, און מיט גרויס שמחה איז ער געלאפן אין חדר באצאלן די מלמדים בעתו ובזמנו.

מיט א צייט שפעטער האט אים א קינד געפרעגט צי ער האט באצאלט די הלואה פון די צדקה געלטער, האט ער געענטפערט מיט א פשטות "חס ושלום, פארוואס דארף הקדש געלט ליידן ווייל עס איז מיר געווען באשערט א עגמת נפש ? !..." (בנימין יוסף מאיר טעללער, משה דוד טעללער, משה דוד מאקאבעצקי, ישכר בער דאווידאוויטש, שמואל הילמאן דאווידאוויטש, פנחס נחמן גלויבער, פינחס נחמן וויינגארטן)

תתתתרעג) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה"ח ר' וואלף ראזענפעלד הי"ו

איין יאר ערב יום כיפור בין איך געגאנגען אין באנק, אויפן וועג צוריק בין איך דורכגעגאנגען ביתו נאוה קודש פון **רביה"ק הדברי יואל זי"ע** אויף בעדפארד עוו. און איך האב געזעהן אז דער רבי האלט אינמיטן דעם הייליגן ערב יום כיפור טיש, בין איך אריינגעגאנגען אינעווייניג.

דער רבי האט געהאלטן אינמיטן טיילן שיריים פון די פלייש, און ער האט מיך געגעבן א ביין (ביי חסידים האט מען געוואוסט אז שיריים פון א צדיק א 'ביין' איז מסוגל צו קינדער, מלשון 'בן').

איך האב געהאט אין שטוב דעמאלטס א דריי חדשימ'דיג קינד, און נאך אין יענעם יאר האב איך געהאט א צווילונג למז"ט. (ברוך בענדיט ראזענפעלד, משה הערש ראזענפעלד)

תתתתרעד) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה"ח ר' שלמה כ"ץ הי"ו

איך בין איינמאל געווען בביתו נאוה קודש פון **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** פאר די הייליגע טעג. איך בין געזעסן אין צימער פונעם משב"ק ר' יוסף אשכנזי ע"ה, און פלוצלונג איז דער רבי אריינגעקומען אין צימער.

שטייענדיג אין אזא ערנסטן זמן, אויף אזא הייליגן מקום, און זיך זעהנדיג נעבן דעם הייליגן רבי'ן, בין איך זייער נתרגש געווארן און איך האב זיך צעוויינט. דער רבי פרעגט מיך "וואס גייט פאר? פארוואס וויינסטו אזוי? !". האב איך געזאגט פארן רבי'ן אז עס גייט די הייליגע טעג, און מ'האט זייער מורא פארן יום הדין.

דער רבי האט מיך געגלעט די האנט מיט ליבליכקייט "וויין נישט מיין קינד, דער אייבערשטער איז א גוטער טאטע, ער איז מוחל". (מרדכי גאלד, ישראל ברוך הכהן כ"ץ, יואל גאטליעב, משה אליעזר גאטליעב)

תתתתרעה) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה"ח ר' עזריאל גליק הי"ו משב"ק

אין די ימי הרחמים והסליחות תשכ"ח לפ"ק איז הרה"ק **רבי איציקל מפשעווארסק זצ"ל** (זיין יארצייט געפאלט יום הקדוש הבעל"ט) געקומען צו פארן צו **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** אויף ראש השנה, ווען ער איז אריין שלום נעמען פרעגט אים דער רבי צו וואס איז ער געקומען, האט ער געענטפערט אז ער איז געקומען צום רבי'ן אויף ראש השנה. דעם רבי'ן איז עס זייער נישט ניחא געווען אז ער האט איבערגעלאזט זיין עדה און ער איז געקומען צו אים און ער האט אים באפוילן צוריק צו פארן צו זיין קהלה.

האט רבי איציקל געזאגט פארן רבי'ן אז ער וויל אים פארציילן א מעשה "ביי מיין רבי'ן דער קאלשיצער רב איז געווען א אינגערמאן וואס האט געדארפט זיין אויף ראש השנה אונטערוועגנס, האט ער געפרעגט דעם קאלשיצער רב ביי וועמען ער זאל זיין אויף ר"ה, האט ער אים באפוילן צו פארן צום אורשיווער רב (דער רבי איז דעמאלטס געווען רב אין אורשיווע) האט דער אינגערמאן דערציילט אז הגם ער איז בטבע נישט קיין בעל בכי פונדעסוועגן הערנדיג דעם רבי'נס דרשה האט ער פארגאסן טייכן טרערן און ער האט געשפירט ווי דער רבי וואשט אויס זיין הארץ".

רופט זיך דער רבי אן "איר גלייבט די אלע מעשיות?" ענפערט רבי איציקל "וואס זאל איך טון אז איך אליין בין געווען דער אינגערמאן"...

דער רבי האט אים מער גארנישט געזאגט, און ער איז טאקע פארבליבן אויף ראש השנה, ווי ער האט געדאווענט נעבן רבי'ן, אזוי אויך ביים "לשנה טובה" זאגן איז ער געזעסן אויפן ארון קודש נעבן רבי'ן. (ישראל שלום הכהן פריעדמאן, אברהם ארי' קליין, דוד יוסף יודא גליק, יוסף שמעון פריעדמאן, שמעון כהן, יצחק אייזיק מנחם כהן, שלום יוסף פערל, אליעזר גליק, יעקב אביגדור גליק, אייזיק יואל גליק, יוסף שלמה קלאר, מאיר משה שפיצער, דוד שפיצער, יואל יעקב יאקאבאוויטש, יוסף יודא יאקאבאוויטש, שמואל אהרן הכהן פריעדמאן)

תתתתרעו) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

איינמאל ערב יום כיפור איז דער סיגעטער ראש הקהל הגביר הצדיק רבי משה ארי' פריינד זצ"ל געווען פארנומען מיט א געוויסן ענין פון פדיון שבוים, און ווען ער איז פארטיג געווארן דערמיט האט מען שוין באלד געדארפט גיין צו 'כל נדרי'.

זייענדיג צובראכן אז ער האט זיך נישט געקענט צוגרייטן ווי געהעריג צום גרויסן טאג, האט ער זיך אפגערעדט פארן ייטב לב זי"ע, האט אים דער ייטב לב געזאגט "אפשר ווילסטו זיך טוישן, איך גיב דיר מיין עבודה פון ערב יום כיפור, און דו גיב מיר דיין עבודה פון ערב יום כיפור". (יעקב זילבערשטיין, שמעי' ברוך גאלד)

תתתתרעז) עס דערציילט מיין זיידע

## הרה"ח ר' אלימלך שמשון שווארץ הי"ו

נאך די פטירה פון מיין טאטן הרה"ח ר' חנני' יו"ט ליפא ז"ל מנהל מוסדות סאטמאר ירושלים, איז א פרעמדער איד ארויפגעקומען מנחם אבל זיין די משפחה, און ער האט דערציילט א מורא'דיגע מעשה בענינים שבין אדם לחבירו.

עס איז געווען מיט יארן פריער ווען מ'האט איהם אמאל חושד געווען אז ער האט עפעס געהאט קעגן די שיטה פון **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**, און עס האט זיך געמאכט א געפעכט צווישן אים מיט די בחורים פון די סאטמארע ישיבה.

איינמאל ארום 10 אזייגער ביינאכט הערט ער קלאפן אויפן טיר פון זיין הויז, און ווען ער האט געעפענט די טיר זעהט ער דעם טאטן ז"ל שטיין ביי די טיר, און ער זאגט אים "אלס משגיח אויף די בחורים בין איך געקומען פארדאמען דעם אקט וואס די בחורים האבן געטון, און זאגן אז דאס האבן געטון היץ קעפ און עס האט נישט מיט סאטמאר און נישט מיט די ישיבה".

האט דער איד געזאגט "עס ליגט מיר אין די ביינער דאס התפעלות פון דעם מענטש וואס האט זיך ארויפגעשלעפט ניין שטאק צו בארוהיגן א איד, דער עיקר אז מ'זאל נישט האבן קיין שווער הארץ אויף סאטמאר, און אויף די ישיבה".(וואלף גוטמאן)

תתתתרעח) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' אברהם יעקב גאנז הי"ו

מיין ברודער מו"ה יואל'יש הי"ו איז אן איידעם ביי הרה"ח ר' מרדכי איינהארן ע"ה, א תלמיד פונעם קדושת יו"ט זי"ע, און דער שידוך איז געווען אין שטוב פון **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**.

בשעת'ן קישור החיתון האט זיך דער רבי אנגערופן צום מחותן "דערציילטס מיר עפעס פונעם טאטן ז"ל".

האט ר' מרדכי דערציילט אז ווען ער איז געווען א בחור האט מען אים גערופן זיך שטעלן צום מיליטער, איז ער אריין זיך מזכיר זיין ביים קדושת יו"ט, דער קדיו"ט האט זיך פארטראכט און אנגערופן "עס איז נישטא קיין ברירה דו מוזט פארן קיין אמעריקע". און ער האט איהם אנגעזאגט פארשידענע זאכן, און באזונדער אז ער זאל נישט ארבעטן שבת, אויסדרוקנדיג זיך "דו וועסט סייווי נישט האבן מער ווי צען טויזענט דאללער"...

למעשה איז ער געפארן קיין אמעריקע, און ער האט דארט געטראפן ארבעט, אבער ווען ער האט געזאגט פרייטאג אז ער קען נישט מארגן אריינקומען צו די ארבעט, האט מען אים אויפגעזאגט פון די ארבעט. די קומענדיגע וואך האט ער געזוכט א צווייטע ארבעט, אבער אויך דאס האט נאר אנגעהאלטן ביז שבת, און מ'האט אים ווידער אויפגעזאגט, אזוי האט ער זיך ארומגעמוטשעט א היבשע צייט.

איינמאל האט ער געזעהן א טאוול אז מ'גייט בויען א אונטערערדישע באן אין מאנהעטן, און מ'זוכט ארבעטער, איז ער זיך געגאנגען מעלדן צו די ארבעט. די ארבעט איז געווען זייער שווער, ווייל מ'האט דארט נישט געקענט אריינפארן מיט קיין טראקס, האט מען געגראבן מיט די הענט, און אפטמאל האט זיך געמאכט אז מ'האט זיך צוקלאפט די הענט וכדומה, האט מען דעמאלטס געקענט באקומען א צעטל אז מ'איז באפרייט א טאג צוויי פון די ארבעט. פלעגט ער גיין זאגן יעדע וואך פרייטאג נאכמיטאג אז ער האט זיך צוקלאפט די הענט, און ער האט באקומען א באפרייאונגס צעטל אויף שבת.

איין וואך פרייטאג נאכמיטאג ווען ער איז געגאנגען זאגן פארן אויפזעהער אז ער האט זיך צוקלאפט די הענט, האט זיך יענער אנגערופן "יעדע וואך ווערט דיר צוקלאפט די הענט אין די זעלבע צייט?! דאס זעהט אויס ווי א שפיצל וואס מ'דארף איבער געבן פאר די העכערע פענסטער". פון יענע וואך אנגעהויבן האט ער יעדן פרייטאג מיטגעברענגט צוויי חלות פארן אויפזעהער, און דאס האט געהאלפן אז ער האט נישט געמוזט ארבעטן שבת.

ווען ער האט אנגעהויבן צו פארדינען געלט האט ער דאס אריינגעלייגט אין די סטאקס. איינמאל א נאכמיטאג ווען ער האט גערעדט מיט זיין סטאק בראוקער זאגט אים דער בראקער אז זיינע סטאקס זענען ווערד 11,000$ האט ער געטראכט ביי זיך אז עס איז שוין מער ווי דער סכום וואס דער קדויו"ט האט געזאגט. אבער מארגן צופרי רופט אים אן דער בראוקער און זאגט אים אז עס איז באלד צוריק געפאלן צו 9500$.

האט ער געזאגט פארן בראוקער "איך האב געוואוסט אז עס קען נישט זיין, ווייל מיין רבי האט מיר געזאגט אז איך וועל נישט האבן מער ווי צען טויזנט דאללער". (יואל שאהנפעלד, שמעון שאהנפעלד, לוי יצחק שאהנפעלד)

תתתתרעט) עס איז געווען ביי אונזער באבע ע"ה אשת

## הרה"ח ר' ישראל בער מענדלאוויטש ע"ה שו"ב

זי האט געהאט א קרובה א מיידל וואס איז נאכן ביטערן חורבן ליידער אויסגעשטאנען גרויסע נסיונות פון שמירת שבת, א.א.וו. די באבע ע"ה האט איר מקרב געווען אויפן שענסטן פארנעם, און איר גערופן צו זיך.

איינמאל שבת איז זי געווען ביי די באבע, אין א צייט ווען זי איז געשטאנען אויף א 'שייד-וועג', ווייל אן אויסווארף האט איר געווארט און געוואלט פארכאפן אין זיין נעץ, וואס דאס וואלט געמיינט א טאטאלע רוחניות'דיגע פארניכטונג. יענער האט געהאט אפגעשמועסט אז ער וועט איר אויפנעמען מיט זיין קאר... שבת נאכמיטאג פון נעבן די באבע'ס הויז, זי האט געמאכט א סוד דערפון צוליב בושה.

די באבע מיט איר כיטערן בליק, האט גלייך דערשמעקט וואס עס גייט פאר, און האט זיך גענומען שמועסן מיט איר פון אלעם און האט איר נישט אפגעלאזט, דאס מיידל איז געווארן נערוועז, די קאר אינדערויסן האט געפיפן און דאס מיידל האט געשפרינגען פאר אנגעצויגנקייט, אבער די באבע האט מיט איר געמאכטע רואיג'קייט בכלל נישט געהערט, און זיך געמאכט כאילו עס מיינט נישט זיי, נאר דערציילט נאך א מעשה און נאך א מעשה מיטן גרעסטן פריינדליכקייט, געשמועסט עטליכע שעה, ביז יענער איז זיך ב"ה אוועק געפארן און איר איבער געלאזט.

יענער פארשוין איז מער קיינמאל נישט צוריק געקומען צו איר... און דאס מיידל איז געראטעוועט געווארן לחירות עולם, און זוכה געווען אנצוהייבן א געהעריג אידיש לעבן. (מרת מליא צירל ב"ר יהושע ע"ה, איר יארצייט איז ה' תשרי העעל"ט) (שמואל מענדלאוויטש, געציל מענדלאוויטש, שמואל מענדלאוויטש, אהרן וויינשטאק, יצחק אייזיק וויינשטאק)

תתתתרפ) עס דערציילט אונזער באבע תחי' אשת

## הרה"ח ר' חנני' יו"ט ליפא מערץ הי"ו

איר טאטע הרה"ח ר' שלמה וועג ז"ל איז געווען א חסיד פון בארשער רבי'ן **הגה"צ רבי פינחס האגער זצ"ל**. זיין זון איז געווען הגה"צ רבי אלתר זצ"ל, דער שווער פון הגה"צ רבי יעקב יוסף ווייס זצ"ל דער ספינקער רבי. אין יענע יארן ווען ער האט געוואוינט אין בארשע האט מען אים גערופן 'רבי יאנקעלע'.

אין יענע יארן האט זיך רבי יאנקעלע ז"ל געדארפט שטעלן צום מיליטער דינסט, און מיין טאטע האט זיך אריינגעלייגט בלב ובנפש צו טון אלעס וואס מעגליך צו באפרייען זיין רבי'נס אייניקל פון צו דינען אין מיליטער. און אזוי ווי דער געזעץ איז געווען אז א רב דארף נישט דינען אין מיליטער, איז מיין זיידע ארום געגאנגען איבער גאנץ מיטל-ווישאווע, און גענומען חתימות אז מ'נעמט איהם אויף אלס רב, כדי ער זאל נישט דארפן דינען אין מיליטער.

אזוי ווי ער איז געבליבן וואוינען אין בארשע, האט ער פון צייט צו צייט געדארפט וויילן אין מיטל-ווישאווע כדי ער זאל קענען איבערווייזן אז ער איז טאקע רב, געדענק איך ווי ער פלעגט קומען פון צייט צו צייט, און ער איז איינגעשטאנען ביי אונז אין שטוב.

מיין טאטע איז טאקע געווען דער גוטער שליח פון הימל צו ראטעווען דעם ספינקער רבי'ן פון מיליטער, וועלכער האט איבערגעלעבט די צרות און אויפגעשטעלט א הערליך דור. אבער דער טאטע אליין איז יא אוועק גענומען געווארן צו צוואנגס-ארבעט אין 'מונקא טאבור' וואו ער איז ליידער אומגעקומען אין די ביטערע מלחמה יארן. (שמעון מערץ, יואל זוסמאן ג"ב, יוסף גאלדבערגער)